בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**שטארק זיך ווייטער מיט דיינע גוטע מעשים, וועסטו טרעפן דיין שידוך.**

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

זייער גוט האסטו געטון אז דו ביסט נישט מיטגעפארן דעם פארגאנגענעם שבת מיט דיינע חברים אויף א פלאץ וואו איז נישט דא קיין מנין; דאס ווייזט אז דו האסט יראת שמים. עס איז מיר א גרויסע וואונדער אז חסידי'שע בחורים פארן אוועק אויף שבת צו א פלאץ וואו איז נישט דא קיין מנין און נישט קיין מקוה, דאס ווייזט אויף קלות ראש.

שטארק זיך ווייטער מיט דיינע גוטע מעשים; מיט'ן דאווענען יעדן טאג שחרית מנחה ערבית מיט מנין, אויך זאלסטו ממשיך זיין מיט דיינע לימודים; לערן יעדן טאג אביסל חומש רש"י מיט'ן תרגום, אויך זאלסטו לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות דאס צו מסיים זיין יעדן חודש, און דער עיקר זאלסטו לערנען אסאך גמרא וועסטו זוכה זיין צו ניצול ווערן פון אלעם שלעכט'ס.

זארג נישט פאר דיין שידוך; נאך אביסל וועסטו טרעפן דיין שידוך. זאג די קרבנות הנשיאים יעדן טאג, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חיתון, חלק ב', סימן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", ווער עס טרעפט נישט זיין שידוך זאל זאגן די פרשה פון די קרבנות הנשיאים. בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג די תפילה וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר בחורים און מיידליך צו זאגן; איך ברענג דיר די תפילה פונעם ספר: "דיין שידוך וועט אנקומען":

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.**

**הֶיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ.**

**וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט**

און איך וואַרט און איך בעט דיר שוין אַזוי לאַנג אַז איך וויל שוין חַתוּנָה האָבן, און דערוויילע איז עס נאָכנישט אָנגעקומען.

די חַזַ"ל זאָגן אונז אַז ווען איינער האָט חַתוּנָה נאָך די צוואַנציג יאָר, וועט ער שוין זיין גאַנץ לעבן טראַכטן פון עֲבֵירוֹת, און דו זאָגסט אויף אַזאַ מענטש אַז זיינע ביינער זאָלן צוגיין. פאַרוואָס זאָל מיר קומען אַזאַ האַרבער עוֹנֶשׁ אַז איך זאָל מיין גאַנץ לעבן טראַכטן פון עֲבֵירוֹת, און אַז מיינע ביינער זאָלן צוגיין? וואָס בין איך דען שולדיג? פאַרוואָס קומט עס מיר? איז מיר נישט גענוג די שרעקליכע פיין און ווייטאָג וואָס איך האָב פון דעם אַליין אַז איך האָב נאָכנישט חַתוּנָה געהאַט?

הייליגער באַשעפער העלף מיר אַז איך זאָל זוֹכֶה זיין צו האָבן סַבְלָנוּת און געדולד, און אויסוואַרטן מיט רואיגקייט ביז איך וועל שוין זוֹכֶה זיין חַתוּנָה צו האָבן. העלף מיר אַז איך זאָל נישט האָבן קיין קַשְׁיוֹת אויף דיר. העלף מיר אַז איך זאָל גלייבן מיט אַ שטאַרקע אֱמוּנָה אַז דו טוסט אַלעס נאָר צום גוטן, און יעדע זאַך האָט אַ פּוּנקטליכער חֶשְׁבּוֹן, און מיט דעם זאָל איך זיך שטאַרקן און נישט זיין אַזוי צוּבְּראָכן פון מיינע שוועריקייטן.

הייליגער באַשעפער, נאָר דו קענסט מיר פאַרשטיין! נאָר דו ווייסט מיינע געפילן! ווי אַזוי איך שפיר זיך אַזוי פאַרשעמט און דערנידערט פון מיר אַליין! אַז אַלע מיינע חֲבֵרִים האָבן שוין חַתוּנָה געהאַט און נאָר איך בין געבליבן אַליין! העלף מיר אַז די בִּזְיוֹנוֹת זאָלן זיין פאַר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מיט דעם זאָל איך אָפּקומען אַלע מיינע עֲבֵירוֹת, איך זאָל מער נישט דאַרפן ליידן אַזויפיל און איך זאָל שוין זוֹכֶה זיין חַתוּנָה צו האָבן בְּקָרוֹב.

איך ווייס און איך גלייב, הייליגער באַשעפער, אַז דו וועסט מיר זיכער נישט פאַרלאָזן. סוֹף כָּל סוֹף וועל איך זוֹכֶה זיין חַתוּנָה צו האָבן. און דערפאַר בעט איך דיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז ווען איך וועל שוין חַתוּנָה האָבן זאָל איך זוֹכֶה זיין צו האָבן אַ גוטע שְׁלוֹם בַּיִת, איך זאָל זיך קיינמאָל נישט קריגן אינדערהיים, עס זאָל שטענדיג הערשן ביי אונז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מיר זאָלן זיך ליב האָבן און האָבן אַ גליקליך לעבן איינאיינעם, און איך זאָל זיך קיינמאָל נישט דאַרפן גט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

העלף מיר אַז איך זאָל שטענדיג זיין אַ וַתְּרָן, איך זאָל אייביג מְוַתֵּר זיין און נישט זיך קריגן נאָר שטענדיג אַרויסהעלפן. מיר זאָלן האָבן אַ פריילעכע הויז, עס זאָל זיך שפירן די שִׂמְחָה אין די לופט ביי אונז אינדערהיים. איך זאָל זוֹכֶה זיין צו האָבן געזונטע און ערליכע קינדער, איך זאָל זיי אויפציען אויפ'ן ערליכן אידישן וועג און זען אַסאַך

**אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**נישט לאזן אפן די ליידיגע קלאסן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב דיר שוין כמה פעמים געבעטן אויב דו קענסט ארויפלייגן שלעסער אויף אלע קלאסן אין דעם ישיבה בנין; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין מה.): "לָאו עַכְבְּרָא גַּנָּב אֶלָּא חוֹרָא גַּנָּב", נישט דער מייז איז דער גנב, נאר אויב עס איז דא לעכער וואו די מייז קענען אריין קומען, זענען די לעכער די גנבים ווייל דורך זיי קומען אריין די מייז; אזוי אויך ווערן פראבלעמען וואו עס איז דא א ליידיגע קלאס.

נעכטן נאכט איז געווען א שבע ברכות פאר א תלמיד הישיבה און היינט אינדערפרי איז געווען אין איינע פון די חדרים אויפגעשריבן אויפן בארד א נישט שיינע בילד השם ישמרינו; דאס פאסירט נאר ווען עס זענען דא ליידיגע קלאסן אן קיין אחריות.

אויב דאס איז דיר שווער צו מאכן וועל איך בעטן א צווייטן דאס צו מאכן; זיי מיר מודיע צי דו ווילסט דאס טון.

דער אייבערשטער זאל מיר אפהיטן פון אלעם שלעכט, און אפהיטן אונזערע קינדער פון שלעכטס.

...

~~~~~~~~~~~

**ווען א מענטש לעבט מיט אמונה איז אים דאס לעבן זייער גרינג; די ספעציעלע גרויסע שמחה צו די פינפטע חתונה אין ישיבה.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון רבי'ן; דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן.

אז מען פאלגט דעם רבי'ן און מען לערנט זיינע ספרים איז מען זוכה צו ווערן א גרויסער צדיק, אזוי ווי דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מען קען ווערן א גרויסער בעל תשובה אז מען לערנט זיין ספר, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", נאך האט דער רבי געזאגט, אז ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת, וועט זיך אים עפענען אלע זיינע פארשטאפטע אדערן; מאך זיך א שיעור אין רבינ'ס ספרים ועסטו ווערן אן ערליכער איד.

דעם שבת האבן מיר געלערנט אינדערפרי פארן דאווענען פונעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל, מיר האבן געלערנט (פעולת הצדיק, סימן רסב) אז דער רבי האט געבעטן זיין תלמיד ר' יצחק וואס איז מיטגעפארן מיט אים ער זאל גיין קיין חיפה מאכן טיקעטס אהיים צו פארן צוריק קיין חוץ לארץ, למעשה ווען דער ר' יצחק איז אנגעקומען קיין חיפה איז ער געווארן באשעפטיגט וכו' און ער איז צוריק געקומען צום רבי'ן אן די טיקעט'ס, ער האט דערציילט פארן רבי'ן אז ער האט געברענגט געלט פון משולחים וכו', האט זיך דער רבי אנגערופן: **"מן הסתם איז דער ווילן פונעם אייבערשטן אז מיר זאלן נאך זיין אביסל אין ארץ ישראל"**; האבן מיר געשמועסט מיט די חברים אז ווען א מענטש לעבט מיט אמונה איז אים דאס לעבן זייער גרינג, ווייל וואס עס גייט איבער אויף אים ווייסט ער אז דאס איז דער ווילן פינעם אייבערשטן, אנדערש איז דער מענטש וואס לעבט אן אמונה, ער ווערט צעפאלן פון יעדע זאך וואס גייט אים נישט ווי אזוי ער וויל. דאס ברענגט אריין אין אונז דער רבי, אז מיר זאלן לעבן מיט אמונה, מיר זאלן וויסן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און קיין שום זאך פאסירט נישט פון זיך אליינס.

נאכן דאווענען ביי סיפורי מעשיות האבן מיר געלערנט אין די מעשה פונעם בן מלך און בן השפחה וואס זענען פארביטן געווארן (סיפורי מעשיות, מעשה יא), אז דער פאלשער

בן מלך וואס האט פארטריבן דעם אמת'ן בן מלך האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט פארן אמת'ן בן מלך; אז מען זעט פון די מעשה אז די וועלט איז נישט הפקר, ווער עס טוט שלעכט'ס פאר א צווייטן באצאלט צום סוף א טייערע פרייז. דארף מען זייער אכטונג געבן נישט ווי צו טון קיינעם, נאר שטענדיג זיין פון די נרדפים און אזוי אויך שטענדיג מחזק זיין די נרדפים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן ע): "לְעוֹלָם תְּצַדֵּד לְהַצִּיל אֶת הַנִּרְדָּפִים".

נעכטן נאכט מוצאי שבת איז פארגעקומען אין ישיבה א שבע ברכות פאר א תלמיד פון ישיבה, א שאד דו ביסט נישט געווען; עס איז געווען אזא שמחה! באזונדער איז דאס א שמחה פאר מיר נאכדעם וואס דער חתן איז פון די ערשטע פאר תלמידים מיט וועם מיר האבן געעפנט די חדר.

פאר צען יאר צוריק - שנת תש"ע - האט מען ארויסגעווארפן מיינע קינדער פון די חדר וואו זיי האבן געלערנט, נאר צוליב די סיבה אז מען האט מיר געוואלט פארמאכן די ישיבה. האבן מיר דעמאלט געפרעגט מוהרא"ש צי מיר קענען עפענען א תלמוד תורה, האט מוהרא"ש אונז מחזק געווען דערויף, און מוהרא"ש האט מיר דעמאלט געזאגט א ווארט וואס די ווארט טראגט מיר אין די שווערסטע וואסערן, מוהרא"ש האט מיר געזאגט בזה הלשון: "איך קען דיר נישט זאגן צו עפענען א חדר - דאס איז נישט קיין גרינגע זאך, אבער איין זאך זאג איך דיר, אז מען עפנט א חדר קען מען נישט גיין אויף צוריק".

מיר האבן געעפנט די חדר אבער עס האט אויסגעזען אז דאס וועט נישט האלטן פאר צו לאנג; לכתחילה האבן מיר געוואלט עפענען נאר פאר די יונגערע כיתות, אבער ווען די עלטערע קינדער האבן געהערט אז מען עפנט נאר פאר די יונגערע כיתות האבן זיי געזאגט: "למה נגרע?" מיר ווילן אויך א ברסלב'ע חדר, האט מען געעפנט א כיתה פון פיר קינדער, און דער חתן איז דער פערטער קינד פון די עלצטע קלאס, אלע האבן שוין ברוך ה' חתונה געהאט; דערפאר איז דאס פאר מיר א גרויסע שמחה, צו זען די שיינע פירות פון די שווערע ארבעט.

איך האב אסאך צו שרייבן פון שבת, ווי שיין עס איז געווען; איך האף אז דו גייסט דאווענען שבת מיט אנשי שלומינו. עס איז אן אנדערע שבת אז מען דריידט זיך מיט אנשי שלומינו און מען איז זיך מחזק איינער מיטן צווייטן.

איך וועל דיר נאך שרייבן, אבער יעצט דארף איך גיין צו די בחורים לערנען מיט זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שלום ושלוה צווישן די מיידלעך.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו האסט געענדיגט די 31'סטע מאל ספר תהלים; אין ספר תהילים ליגן אלע ישועות, אזוי אויך האט דער רבי זייער אויסגעלויבט דאס זאגן תהילים יעדן טאג (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג). דערפאר פירן זיך אלע אנשי שלומינו צו זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים, דאס ברענגט אלע ישועות.

איך פריי זיך זייער צו הערן פון דיר וואס טוט זיך אין סקול, ווי שיין אלע מיידלעך לעבן צוזאמען. עס הערשט נישט קיין מחלוקת, נישט דא קיין קאנקורענץ [קאמפעטישן] צווישן די מיידלעך, און אז דו ביסט אזוי צופרידן פון בית פיגא.

דו שרייבסט מיר אז ווען מען טאנצט טאנצן אלע מיידלעך אינאיינעם - די עלטערע מיט די יונגערע מיט אזא אחדות; דאס איז ביי מיר א גרויסע שמחה ווייל עס איז מיר נישט גרינג צו פירן די מוסד וכו', איז דאס וואס דו שרייבסט אז דו האסט אזוי הנאה יעדע מינוט אין סקול, און וויפיל אמונה דו באקומסט אין סקול פון די חשוב'ע טיטשערס און די מנהלת דאס געבט מיר כח ווייטער צו פירן די מוסד.

זארג נישט פאר דיין שידוך; דו זאג ווייטער תהילים און אינצווישן די פסוקים פון תהילים זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום הייליגן באשעפער, אים בעטן פאר א ערליכע געזונטע מאן און פאר ערליכע געזונטע קינדער, וועסטו זוכה זיין בקרוב צו טרעפן דיין שידוך.

...

~~~~~~~~~~

**פאר נאר אויף פלאץ וואו ס'איז דא מנין און מקוה.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן אז דו ביסט אוועק געפארן אויף שבת מיט נאך אפאר בחורים אויף א פלאץ וואו עס איז נישט דא קיין מנין און נישט קיין מקוה; איך

קען דאס נישט פארשטיין, עס איז דאך דא אזויפיל פלעצער וואו צו זיין שבת מיט'ן אייבערשטן, פארוואס זאלסטו פארן צו א פלאץ וואו מען דאווענט נישט און מען הערט נישט קיין קריאת התורה?! איך בין דיר דן לכף זכות אז דו טראכסט נישט וואס דו טוסט, נאר דו שלעפסט זיך נאך ווי א ווײדל וכו', וואו מען רופט דיר גייסטו מיט אן נוצן דיין שכל, אן טראכטן צי דאס איז א אויסגעהאלטענע זאך אדער נישט.

מיר גייט נישט אן אז בחורים פארן אוועק אויף שבתים (הגם עס איז נישט א זאך וואס איך וואלט פארגעלייגט איר זאלט טון, פארט וועל איך זיך נישט אנטקעגן שטעלן); עס איז שוין אסאך מאל געווען בחורים וואס פלעגן אוועק פארן צו אנדערע שטעט אויף שבתים וואו עס געפונט זיך א בית חב"ד, א מנין מיט א רב, א מקוה וכו' דאס לייגט זיך נאך אויפן שכל, אבער דאס וואס איך האב געהערט אויף דיר און אויף נאך אפאר תלמידים פון ישיבה אז מען איז אוועק געפארן וכו' אן קיין מנין, דאס טוט מיר זייער וויי.

וויל איך דיר בעטן, אז דו ביסט געקומען לערנען אין היכל הקודש זאלסטו גוט אריין נעמען אין דיר אז דו זאלסט נישט נאך לויפן קיינעם; דו שלעפסט זיך נאך ווי א ווײדל וכו', דאס איז נישט וואס מען לערנט ביי אונז אין היכל הקודש.

איך האב אסאך צו רעדן אין דעם ענין אבער יעצט קען איך נישט שרייבן פון דעם מער מחמת די גרויס ווייטאג וואס איך האב דאס צו הערן אויף תלמידים פון ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

**רעד נישט צו קינדער וועגן שטארבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

בנוגע אייער קינד וואס זאגט אז ער גייט שטארבן דעמאלט וכו', אז דאס איז אייך זייער מבלבל און איר האט פון דעם פחדים.

בעט איך אייך איר זאלט דאס ארויס נעמען פון אייער קאפ און מער נישט רעדן מיט די קינדער פון שטארבן; דאס וואס ער רעדט פון שטארבן איז ווייל ער הערט רעדן פון יום המיתה, דערפאר רעדט ער פון דעם. דעריבער איז נישט כדאי צו רעדן מיט קינדער פון יום המיתה, מיט קינדער דארף מען רעדן פונעם אייבערשטן; אריינבאקן און אריינפרעגלען אין זיי אז דער אייבערשטער איז איבעראל און וואס מען דארף זאל מען פון אים בעטן.
~~~~~~~~~~~

דער רבי האט דערציילט אז ווען ער איז געווען א קליין קינד האט ער געהערט אסאך מעשיות פון צדיקים, דאס איז אים אריין אין הארץ און ער האט אנגעהויבן בענקען און ווערן זיין א צדיק; ווייל ווען א קינד הערט א סיפור פון א צדיק הייבט ער אן בענקען: ׳איך וויל אויך זיין א צדיק׳. דאס זאלט איר אויך טון, איר זאלט רעדן מיט אייערע קינדער פון דאס גרויסקייט פון צדיקים, ווי זיי האבן געלעבט מיט א קלארע אמונה און וואס זיי האבן געוואלט האבן זיי געבעטן דעם אייבערשטן, אזוי האבן זיי גע׳פועל׳ט ישועות פאר אידישע קינדער.

אז איר האט אפאר מינוט אינמיטן טאג ווען די קינדער זענען אין חדר און אין סקול זאלט איר זאגן א קאפיטל תהילים און זיך אויסשמועסן אייער הארץ מיטן אייבערשטן אויף אייער שפראך, רעדט צו אים ווי איר וואלט גערעדט צו א גוטע חבר׳טע, בעט׳ס אים איר זאלט זוכה זיין צו ערליכע קינדער און הייליגע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

רופן די עלטערן יעדן טאג און זיי מחי׳ זיין.

בעזרת ה׳ יתברך - א׳ פרשת תרומה, כ"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

זע צו רופן יעדן טאג דיינע עלטערן; מוהרא"ש פלעגט זיך פירן אז יעדן טאג גלייך נאך שחרית פלעגט ער רופן זיין טאטע.

פארצייל זיי פון דיין לעבן, פון דיינע קינדער - פארשטייט זיך נאר גוטע זאכן; פארצייל זיי נישט קיין פראבלעמען, עלטערן האבן נישט קיין כח צו הערן ווי די קינדער קרעכצן, זיי האבן שוין גענוג געהאט זייערע שוועריקייטן מיט די קינדער, יעצט איז שוין די צייט וואס מען דארף זיי ברענגען נאר נחת; וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז נישט דא קיין גרעסערע מצוה ווי מחיה זיין עלטערן.

דאס וואס דיינע עלטערן זענען אנגעווייטאגט אויף דיר אז דו ביסט געווארן א ברסלב׳ער - דאס וועט אריבער גיין; זיי ווילן נאר דיין גוטס און וויבאלד זיי האבן געהערט לשון הרע אויף ברסלב, ובפרט אויף היכל הקודש - דאס מאכט זיי זאלן זיין ברוגז אז דו האסט שייכות מיט ברסלב.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קפב): "מען קריגט נישט אויף מיר, נאר מען האט זיך אויס געשניצט א מענטש און אויף אים קריגט מען; איך קריג אויף אויף דעם מענטש -
~~~~~~~~~~~

זאגט דער רבי, אויף אזא מענטש וואס טוט אזעלכע זאכן וואס טויג נישט קריג איך אויך"; מענטשן ווייסן נישט וואס ברסלב איז, מענטשן מיינען אז דאס איז א פלאץ פון משוגעים.

דו פיר זיך ווייטער מיט די עצות וואס דער רבי געבט אונז; זיי מכבד דיינע עלטערן און ווען זיי רעדן אויפן רבי'ן זאלסטו בלייבן שטיל, זאלסט נישט ענטפערן און טענה'נען נאר בלייב שטיל און עס וועט אריבער גיין.

איך וועל דיר נאך שרייבן.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~

**דאס חשיבות פון דאווענען מיט מנין אין בית המדרש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

שטארק זיך צו גיין און שול דריי מאל א טאג דאווענען מיט מנין וועסטו האבן פרנסה; מוהרא"ש זאגט: "אז מען דאווענט מיט מנין, האט מען א דבר שבמנין (געלט)".

אז דו ביסט אויפגעשטאנען שפעט און עס איז שוין נישט דא קיין מנינים, מיט דעם אלעם זאלסטו מקפיד זיין צו דאווענען נאר אין שול ווייל אין שול דאווענט מען און אין שטוב אדער אין אפיס וכדומה דאווענט מען נישט, און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן צ, סעיף ט), אז מען זאל דאווענען אין שול.

קלאפ זיך נישט אראפ און קוק זיך נישט אן ווי א דורכפאל; רבי נתן פלעגט אסאך חזר'ן דעם פסוק (איוב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא", דארט [אין הימל] וועט מען וויסן ווער עס איז גרויס און ווער עס איז קליין; מען זעט אמאל אז עס רעש'ט זיך דא מיט איינעם, מען קען מיינען ווער ווייסט וואס יענער איז, אבער אויבן אין הימל ווייסט מען ניטאמאל פון יענעם. און פארקערט אויך, עס קען זיין א מענטש וואס קיינער ווייסט נישט פון אים, מען מאכט נישט פון אים קיין בראטל, אבער אויבן אין הימל איז ער זייער חשוב ווייל ער גייט אין שול יעדן טאג דאווענען אפילו עס קומט אים אן זייער שווער, אזוי אויך רעדט ער צום אייבערשטן, ער פארציילט יעדע זאך וואס באדערט אים - דאס איז חשוב אויבן אין הימל.
~~~~~~~~~~

"אז דו ווערסט זיין פרייליך" - האט דער קעניג געזאגט - "וועל איך זיין פרייליך" (סיפורי מעשיות מעשה יג, פון די זיבן בעטלערס); דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן זיין פרייליך, דערפאר זאלסטו אנטלויפן פון עצבות און מרה שחורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די בעסטע זאך איז ווען חברים האלטן זיך צוזאמען.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

יעדעס מאל ווען דו שיקסט מיר א בילד פון די שיעור וואס מען לערנט פאר ביי אייך אין בלומינגראוו בין איך זיך זייער מחי'.

איך וויל וויסן ווער פון די תלמידים קומען צום שיעור טאג טעגליך, אזוי קען איך מחזק זיין סיי די וואס קומען, און סיי די וואס קומען נישט אז זיי זאלן אויך האבן א שיעור אין גמרא און אויך האבן שייכות מיט אנשי שלומינו.

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן צו וואס מען קען זוכה זיין אז מען האט גוטע חברים; אזוי ווי מיר געפונען אין די גמרא אז דער הייליגער רבי חנינא האט געזאגט (תענית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי", איך האב געלערנט אסאך תורה פון מיינע רבי'ס, "וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", און פון מיינע חברים האב איך געלערנט מער ווי פון מיינע רבי'ס; זעט מען פון דעם אז מען דארף האבן גוטע חברים מיט וועם מען טרעפט זיך און מען איז זיך מחזק.

זאלסטו מיר כסדר שיקן בילדער ווי מען לערנט אינאיינעם, אויך זאלסטו מיר שרייבן אלע פרטים ביי אייך אין שול; איך וויל זייער שטארק מען זאל זיך האלטן אינאיינעם, "אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק (ישעיהו מא, ו)", מען זאל זיך העלפן איינער דעם אנדערן, און דער עיקר דיבורים זאל מען רעדן נאר פון תכלית.

איך האב געמאכט ביי מיר אז יעדעס מאל ווען עס קומען בחורים אדער יונגעלייט בעט איך פון יעדן איינעם ער זאל מיר דערציילן א מעשה פון 'הפצה'; סיי לטוב און סיי פארקערט, ווער עס האט גענומען און ווער עס האט צעריסן, ווער עס זאגט אז ער איז זיך מחי' און ווער עס זאגט עס איז איבעריג.
~~~~~~~~~~

אויך פרעג איך ווער עס האט א מעשה פון ׳תפילה׳, א זאך וואס מען האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט געהאלפן, אזוי פארגעסט מען נישט פונעם ציל פארוואס מיר זענען געקומען צום רבי׳ן.

זאלסט וויזן דעם בריוו פאר אלע דיינע חברים וואס דאווענען און האלטן מיט די שיעור ביי אייך.

מארגן וועט זיין א פרויען צוזאמקום אין ישיבה, אז דו ווילסט האבן דעם שיעור דאס צו וויזן אין קרית יואל זאלסטו זיך פארבינדן מיט ... נרו יאיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**פאלגן די מנהלת.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תרומה, א׳ דר״ח אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיינע טיטשערס גוטע גריסן אויף דיר; דיין התנהגות איז זייער דרך ארץ׳דיג און מיט דיין שיינע התנהגות אין סקול מאכסטו זיך א גוטע נאמען. דו וועסט זוכה זיין בקרוב צו טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

איך בעט דיר זייער זאלסט פאלגן אלעס וואס די מנהלת זאגט; אז זי זאגט פאר די מיידלעך נישט צו ברענגען א סעלפאון אין סקול זאלסטו נישט ברענגען קיין סעלפאון. זוך נישט אויסצושפילן די סקול וויל נאר דו אליינס ווערסט אויסגעשפילט; אז דו וועסט פראבירן צו פאלגן אלעס וואס דיינע טיטשערס לערנען דיר און אלעס וואס די מנהלת זאגט וועסטו האבן א שיינע לעבן.

ווען דו פרעגסט מיר ווען צי דו זאלסט בכלל האבן א סעלפאון וואלט איך דיר געזאגט אז פאר א יונג מיידל פעלט בכלל נישט אויס צו האבן א סעלפאון; על כל פנים אין סקול פארלאנג איך אז מען זאל עס נישט ברענגען.

איך האף אז דו וועסט פון היינט און ווייטער מער נישט ברענגען דיין סעלפאון אין סקול.

איך ווארט צו הערן פון דיר וואו דו האלסט מיט תהילים; איך וויל הערן דיינע סיומים.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**עלטערן דארפן ארבעטן צוזאמען מיט די סקול.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן **מרת ... תחי'.**

איך בעט אייך זייער איר זאלט מיט ארבעטן מיט אונז; אז מען זאגט אן די מיידלעך אין סקול נישט צו קומען מיט א סעלפאון זאלט איר נישט זאגן פאר אייער טאכטער זי זאל יא קומען מיט א סעלפאון אין סקול און דאס באהאלטן וכו'. עס איז נישט גוט פאר די חינוך פון אייער טאכטער אז זי הערט איין זאך אין סקול און אין שטוב הערט זי פארקערט; נאכדעם ווען מען וועט פארלאנגען אנדערע זאכן וואס דארט וועט איר יא זיין איינשטומיג וועט זי עס נישט אננעמען ווייל זי ווייסט אז איר - די מאמע - לאכט סיי ווי אפ פון וואס מען זאגט אין סקול.

איך האף אז איר וועט דאס פאררעכטן און פון היינט אן זאלט איר זיין איינשטומיג מיט די סקול, על כל פנים פאר אייערע קינדער זאלט איר זאגן אז זיי זאלן פאלגן אלעס וואס מען פארלאנגט פון זיי.

אז איר האט אפאר מינוט ווען עס איז שטיל אין שטוב זאלט איר זאגן תהילים און זיך אויסשמועסן אייער הארץ מיטן אייבערשטן, מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואס מען קען אלץ פועל'ן מיט תפילה; ווען מענטשן וואלטן געוויסט דאס גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן וואלטן אלע עוסק געווען אין דעם א גאנצן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**א בחור דארף האבן א פרייליך פנים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן **לכבוד ... נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

שטארק זיך מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך ווייל די שליסל פאר הצלחה איז צו זיין פרייליך, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות שמחה, חלק ב', סימן א): "מִי שֶׁהוּא

שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", ווער עס איז שטענדיג פריילך איז מצליח אין לעבן.

בפרט אז דו ביסט שוין אין די יארן פון טרעפן א שידוך דארפסטו זייער שטארק ארבעטן אויף שמחה, און דו זאלסט שטענדיג האבן אויף דיר א שמייכל. ווייל די ערשטע זאך וואס מען קוקט ביי א שידוך איז צי דער בחור אדער מיידל זענען געזונט און צי מען האט נישט חס ושלום מיט די נערוון. דאס קען מען זען אויפן פנים; אז מען האט א פרייליכע פנים איז א סימן מען האט נישט מיט די נערוון און אז מען גייט ארום מיט א זויערע פנים איז דאס אמאל א סימן פון נערוון, פחדים וכו' וכו' השם ישמרינו, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כג): ווען א מענטש איז מרה שחורה'דיג און זיין פנים איז אים פארטונקלט איז דאס א סימן אז די סטרא אחרא האט זיך אויף אים מתגבר געווען, זיי מאכן אז דער מענטש זאל האבן א טונקעלע פנים און אויף דעם איז געזאגט געווארן (שמות כ, ב): "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי".

דערפאר בעט איך דיר זייער, פון היינט און ווייטער זאלסט זיין פריילך; דו זאלסט זיך נייטן צו זיין פריילך אזוי וועסטו ארויס גיין פון דיין קטנות און מרה שחורה און דו וועסט טרעפן בקרוב א שידוך; קיין שום מיידל וועט נישט וועלן א בחור מיט א זויערע פנים, אלע ווילן נאר א פרייליכע בחור.

זיי נישט קיין בטלן; נוץ אויס דיינע יארן מיט לערנען תורה. לערן גמרא, א בלאט נאך א בלאט; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער פון די גמרא אזוי ווי דער רבי האט אונז געגעבן דעם 'סדר דרך הלימוד' (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו); קוק נישט אויף די וואס לאכן און שפעטן אפ פון דעם 'סדר דרך הלימוד', ווייל שפעטער וועלן מיר זען ווער דער חוזק איז; עס גייט אריבער אפאר יאר, דו וועסט זיין אנגעפילט מיט הונדערטער בלטער גמרא און דו וואס לאכן און שפעטן וועלן נישט האבן געעפענט א גמרא וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**רעדלעך אויף די שיך איז נישט צניעות פאר א גרויסע מיידל.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

איך פריי זיך זייער צו הערן פון דיינע טיטשערס אז דו פירסט זיך אויף ערליך און דו האלסט מיט אלעס וואס מען לערנט אין בית פיגא; מיט דיין גוטע התנהגות מאכסטו א נחת רוח פאר דיינע עלטערן. עלטערן ווארטן צו זען און צו הערן אז זייערע קינדער פירן זיך ערליך מיט דרך ארץ, אין דעם זכות וועסטו אויך זוכה זיין אז דיינע קינדער וועלן זיך פירן ערליך און דיר מאכן א נחת רוח.

שטארק זיך ווייטער מיט דיין צניעות; יעצט אז דו ביסט שוין א בת מצוה מיידל זאלסטו נישט פארן אין גאס מיט רעדלעך אויף די שיך (Jets), דו ביסט שוין א גרויסע מיידל דארפסטו אכטונג געבן זיך צו פירן איידל.

זע ארויס צו העלפן דיין מאמע מיט די שטוב ווירטשאפט; כיבוד אב ואם איז זייער א גרויסע מצוה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פאה א, א): "אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא: כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ'", דער אייבערשטער באצאלט שכר פאר די מצוה פון כיבוד אב ואם סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענע וועלט; און דאס וועט דיר צוריקומען ביי דיינע קינדער, ווייל אזוי ווי א מענטש פירט זיך מיט זיינע עלטערן אזוי וועלן זיינע קינדער זיך פירן מיט אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**וואויל איז דיר אז דו האסט צעבראכן דיין סמארטפאון.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו מיטן צובראכענע סמארטפאון.

איך האב זיך זייער געפריידט צו דיין בריוו און צו טרעפן אינעם ענוועלאפ א צעבראכענעם סמארטפאון; דו האסט מיט דעם מקיים געווען די מצוה פון: "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ (דברים יז, ז)", ווייל א סמארטפאון אן א פילטער איז אלע דריי עבירות וואס א איד דארף זיך לאזן הרג'נען נישט עובר צו זיין דערויף: 'עבודה זרה', 'גילוי עריות', און 'שפיכת דמים'.

א סמארטפאון נעמט אוועק פונעם מענטש די אמונה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן לא) אז 'ברית' און 'אמונה' זענען תלוי איינס אינעם צווייטן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; דאס הייסט אז ווען מען איז פוגם בברית, בפרט ווער רעדט נאך אז מען קוקט שמוציגע מאוויס - פארנאגראפיע רחמנא לצלן און
~~~~~~~~~~

מען זינדיגט אין הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, הייבט מען אן צו האבן קושיות און ספיקות אויפ׳ן אייבערשטן, און ווי מער מען פאלט אריין אין עבירות אלץ מער ווערט אויסגעריסן די אמונה און מען זינקט אין כפירה. ווייל עבירות פארלעשט די אמונה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, סימן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם", די עבירות ברענגט כפירה; דערפאר איז א סמארטפאון אזא שעדליכע זאך.

אז דו האסט געהאט די שטארקייט אוועק צו ווארפן דיין סמארטפאון זאלסטו יעצט האבן שכל נישט צו זיין ווי א הונט וואס גייט צוריק צו וואס ער ברעכט אויס; שלמה המלך זאגט (משלי כו, יא): "כְּכֶלֶב שָׁב עַל קֵאוֹ, כְּסִיל שׁוֹנֶה בְאִוַּלְתּוֹ", דער נאר איז צוגעגליכן צו א הונט וואס גייט צוריק צו דאס וואס ער האט אויסגעבראכן און עסט דאס נאכאמאל אויף, ער האט נישט די פארשטאנד אז ער האט דאס אויסגעבראכן ווייל דאס איז נישט גוט פאר אים, אזוי טוט אויך דער נאר נאכאמאל נארישקייטן.

מאך זיך א שיעור אין משניות; הייב אן פון אנהייב סדר זרעים, זאג א פרק נאך א פרק ביז דו וועסט ענדיגן סדר זרעים, נאכדעם זאלסטו אנהייבן סדר מועד ביז דו וועסט ענדיגן גאנץ ששה סדרי משנה. און ווען דו ענדיגסט ששה סדרי משנה זאלסטו אנהייבן נאכאמאל משניות, אזוי זאלסטו טון דיין גאנץ לעבן. דאס וועט דיר אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר העלפן דו זאלסט האבן כח זיך צו שטארקן אויפן יצר הרע; אפילו דו האסט נישט קיין דיבורים וואס צו רעדן זאלסטו זאגן אפאר ווערטער, זאג: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל האבן כח נישט צו קוקן קיין עבירות, העלף מיר אייבערשטער איך זאל נישט קוקן קיין מאוויס און איך זאל נישט קוקן קיין שמוץ. איך לויף שטענדיג צוריק צו דעם, איך בין ממש ווי א הונט וואס קערט זיך צוריק צו זיין שמוץ, העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן כח בייצושטיין די**

שווערע נסיונות"; אזוי זאלסטו רעדן צום אייבערשטן וועסטו האבן כח זיך צו שטארקן אויף דיינע נסיונות.

שרייב מיר נאך בריוו; לכל הפחות איין מאל א וואך.

...

~~~~~~~~~~

**זיין שטארק אין צאלן שכר לימוד צייטלעך און מחזק זיין אנדערע דערויף.**

בעזרת ה' יתברך - ג' פרשת תרומה, א' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פאר'ן באצאלן שכר לימוד, דאס ווייזט מיר אז דו האסט הכרת הטוב - דו אנערקענסט וואס מיר טוען מיט דיינע קינדער; הלואי זאלן אלע עלטערן צאלן שכר לימוד.

הלואי ווען דו קענסט ווען רעדן צו דיינע חברים זיי זאלן צאלן שכר לימוד און די וואס קענען נישט צאלן זאלן בעטן ביי די שטאט פאר הילף (וואוטשערס); ווען אלע משפחות זאלן ווען צאלן שכר לימוד אדער מאכן וואוטשערס וואלט איך געקענט באצאלן מיינע איינגעשטעלטע צייטליך זייער געהאלט.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שווער עס איז מיר יעדע וואך אז איך בלייב שולדיג מלמדים און טיטשערס זייער געהאלט; איך האב נישט קיין מנוחה פון דעם און דאס עסט מיר אויף מיין געזונט. נאך מער טוט מיר וויי אז עס זענען דא משפחות וואס מאכן א געשפעט ווען מען רופט זיי פון אפיס זיי זאלן עפעס טון - צאלן צוביסלעך, מאכן וואוטשערס, אדער גיין נאך געלט פאר די מוסד, אבער אנשטאט טון עפעס לאכן זיי זיך אויס, דאס עסט מיר אויף מיין געזונט.

דערפאר דאנק איך דיר אז דו העלפסט מיר מיט אלעס וואס דו קענסט, און איך וואונטש דיר א ברכה אז איך זכות וואס דו העלפסט אונזער חדר און אונזער סקול צו קענען אנגיין מיטן מחנך זיין אונזערע קינדער זאלסטו האבן אסאך נחת פון דיינע קינדער און קיינמאל נישט וויסן פון קיין שלעכטס.

מארגן נאכט וועט אם ירצה ה' פארקומען א פרויען צוזאמקום אין ישיבה, זאלסטו בלייבן אין שטוב אז דיין ווייב זאל קענען קומען זיך אביסל מחזק זיין.

א גוטע נאכט און א גוטן חודש.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**דורך שמחה גייט מען ארויס פון אלע צרות און פראבלעמען.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תרומה, ב' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חכמינו זכרונם לברכה זאגן אונז (תענית כט.): "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", דעריבער דארפן מיר זיך מוסר נפש זיין צו זיין פריילך. ווען א מענטש איז פריילך גייט ער ארויס פון אלע צרות און אלע יסורים, אזוי ווי דער נביא זאגט (ישעיהו נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מיט שמחה וועט איר ארויס גיין פון גלות.

מען דארף טרעפן אין זיך גוטע זאכן אזוי ווערט מען פריילך; יעדער איד איז אנגעפילט מיט אזויפיל גוטס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות נז.) אויפן פסוק (שיר השירים ד, ג): "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילּוּ רֵיקָנִין שֶׁבְּךָ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", אפילו מענטשן וואס זענען ליידיג זענען אויך פול מיט מצות אזוי ווי א מילגרום; אז דו וועסט גוט קוקן וועסטו טרעפן אין דיר זייער אסאך גוטס.

כל זמן א מענטש איז נישט פריילך קען ער נישט קאנטראלירן זיין מח, זיין מח ציט צו נעגעטיווקייט, דער מח טראכט נאר שלעכטס און זעט נאר שלעכטס, אבער אז מען איז פריילך, מען נעמט אריין אינעם מח שמחה - דעמאלט איז מען בעל הבית אויפ'ן מח. דאס איז פשט וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן י): "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", שמחה איז עולם החירות, ווען מען איז פריילך איז מען פריי פון אלע שלעכטע מחשבות און מען ווערט פטור פון אלע שלעכטס.

זאלסטו פראבירן פון יעצט נאר צו זיין פריילך; פריי זיך מיט דעם וואס דו ביסט א איד און נישט א גוי, ווען מען פריידט זיך מיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי איז מען זוכה אנצוקומען צו די העכסטע מדריגה.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך צוריק באנייען אין לימוד משניות; נעם מיט דיר שטענדיג א קליינע משניות'ל - אזוי ווי עס טוען אלע תלמידי 'היכל הקודש', און ווען מען האט אפאר מינוט כאפט מען אריין נאך א משנה. מוהרא"ש פלעגט זיך שטענדיג בארימען און זאגן: "ווי אזוי ווייסט מען ווער עס איז א תלמיד 'היכל הקודש'? ווער מען זעט מיט א משניות".

מען קען זיך נישט פאררופן א תלמיד היכל הקודש נאר אז מען זאגט אסאך פרקים משניות יעדן טאג; אז דו וועסט זאגן פרקים משניות יעדן טאג וועט דאס דיר ארויס
~~~~~~~~~~~

נעמען פון דיין בלאטע, דאס וועט דיר אויסרייניגן אז דו זאלסט נישט לויפן קוקן עבירות.

איך דאנק דיר פאר'ן מאכן וואוטשערס; הלואי זאלן אלע עלטערן זיין אזוי ווי דיר ווען עס קומט צו צאלן שכר לימוד. עס פאלט אויף מיר אזא בארג פון צאלן מלמדים און טיטשערס אז איך קען עס נישט דורך טראגן, און דאס מערסטע טוט מיר וויי פון די וואס מאכן זיך נישט וויסנדיג און לאכן ווען מען רופט זיי פון אפיס; איך בענטש דיר דו זאלסט האבן אלעס גוטס בזכות וואס דו העלפסט 'זיך אליינס' אז דו זאלסט האבן מלמדים מיט ישוב הדעת צו לערנען מיט 'דיינע' קינדער.

היינט נאכט וועט זיין א פרויען צוזאמקום, זע אז דיין ווייב זאל קענען קומען מיט האלטן; זאלסט אהיים קומען אביסל פריער און בלייבן מיט די קינדער אז דיין ווייב זאל זיך קענען אביסל אויסלופטערן וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**תהילים איז א שטעקן אויף וואס מען קען זיך אנלאנען.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תרומה, ב' דר"ח אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

שטארק זיך ווייטער צו זאגן יעדן טאג תהילים, און אינצווישן די ווערטער פון תהילים פלעכט אריין דיינע אייגענע דיבורים צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט זייער געוואלט מיר זאלן זאגן תהילים; ער האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן צח) אז תהילים איז א שטעקן אויף וואס מען קען זיך אנלאנען, אזוי ווי א קראנקער מענטש לא עלינו גייט מיט א שטעקן, ער פארלאזט זיך דערויף און דאס טראגט אים און פירט אים וואו ער דארף גיין, אזוי - זאגט דער רבי - איז ווען א מענטש זאגט תהילים און פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטן וועט ער ארויסגיין פון אלע פראבלעמען.

זיי נישט באזארגט וועגן דיין שידוך; איך האב היינט גערעדט מיט דיין טאטע איבער דעם. איך האף אז בקרוב וועסטו א כלה ווערן און אנהייבן בויען דיין לעבן.
~~~~~~~~~~~

יישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט אין סקול; ווער עס העלפט אויפשטעלן דעם מוסד פון רבי׳ן וועט אים דער רבי באצאלן מיט גליק און הצלחה.

שרייב מיר יעדעס מאל דו מאכסט א סיום אויף תהילים וועסטו מיר מחי׳ זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זיין פריילין בתמימות ובפשיטות.**

בעזרת ה׳ יתברך - ד׳ פרשת תרומה, ב׳ דר״ח אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער זאלסט פרובירן מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פריילין; איך ווייס אז דו גייסט יעצט אריבער שווערע צייטן, מיט דעם אלעם זאלסטו פרובירן מיט אלע כוחות צו זיין פריילין וועט דיר דער אייבערשטער העלפן אז עס וועט דיר גרינגער ווערן.

ווען א מענטש איז פריילין איז א סימן אז ער איז ביי די קדושה, און אויב איז ער בעצבות השם ישמרינו דארף ער זען מיט אלע כוחות זיך פריילין צו מאכן און אנטלויפן פון די טומאה.

דעריבער בעט איך דיר טייערער ליבער ..., כאפ א טענצל; היינט איז זייער גרינג צו טאנצן נאכדעם וואס אין יעדע שטוב איז דא א גאנצע קאפעליע. אמאליגע צייטן ווען איינער האט געוואלט טאנצן האט ער געדארפט אראפ ברענגען צו זיך א גאנצע קאפעליע, א פויקער, א פייפער, א פידלער וכו׳ אזוי האט מען געקענט טאנצן און פריילין זיין, אבער היינט צינדט מען אן א ניגון און מען טאנצט.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געהייסן פאר איינעם פון אנשי שלומינו ער זאל טאנצן יעדן טאג, רבי נתן האט אים געזאגט: ״אז דו וועסט טאנצן יעדן טאג וועסטו נישט זען דעם פנים פון גיהנום״.

איך האב געהערט פון תלמידי היכל הקודש וועלכע האבן געלערנט אין ישיבה ביי מוהרא״ש נאך אינעם אלטן בנין וואו מען האט געקענט אריבער הערן פון איין שטאק צום צווייטן ווייל די פלאר איז געווען פון האלץ, פארציילן זיי אז ווען מוהרא״ש פלעגט אריבער גיין שווערע צרות האט מען געקענט הערן אין ישיבה ווי מוהרא״ש טאנצט פאר לאנגע שעות; מוהרא״ש האט געפאלגט דעם רבי׳ן בתמימות ופשיטות, אז דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן י): ״כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים
~~~~~~~~~~

וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", דורך פאטשן און טאנצן נעמט מען אראפ אלע דינים פון אידן - איז דאס פשוטו כמשמעו, אז מען טאנצט און מען פאטשט נעמט מען אראפ אלע דינים פון זיך און פון אנדערע.

אז דו זוכסט ממתיק צו זיין די דינים וואס גייען יעצט אריבער אויף דיר וכו' זאלסטו טון וואס דער רבי זאגט, כאפ א טענצל, פאטש מיט די הענט און זיי פריילין אז דער אייבערשטער איז דא און זארגט פאר דיר וכו' וכו'.

איך וועל דיר נאך שרייבן אם ירצה ה'.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~

**די וויכטיגקייט פון צאלן שכר לימוד.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תרומה, ב' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האף אז דיין ווייב האט הנאה געהאט פון די נעכטיגע פרויען צוזאמקום; פון די שיעור און פון די טאנצן וכו' וכו'. עס איז זייער וויכטיג זיך אביסל אויסצולופטערן פון די שטוב ארבעט, זיך טרעפן מיט גוטע חבר'טעס און הערן גוטע ווערטער זיך מחזק צו זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

איך דאנק דיר אז דו שטרענגסט זיך אן צו צאלן שכר לימוד און אז דו האסט יעצט געמאכט וואוטשערס; כאטשיג עס איז נישט גרינג דורך צו גיין דעם גאנצן פראצעדור, ווייל מען דארף אראפ פארן צו די שטאטישע אפיסעס און זיצן דארט גאנצע טעג וכו', דאך האסטו דאס געטון. דעריבער דאנק איך דיר און איך קוק דיר אן אינגאנצן אנדערש; ווען איך זע ווי עלטערן זענען מעריך, זיי פארשטייען און האלטן חשוב די מוסד ווייזט דאס אז די עלטערן זענען קלוגע עלטערן.

דו ווייסט אודאי אז ווען מוהרא"ש האט חתונה געהאט האט ער געהאט צייטן וואס ער האט נישט געהאט וואס צו עסן שבת; מוהרא"ש פלעגט דערציילן ביי די שיעורים: "אסאך שבתים האבן מיר - איך און מיין ווייב - געגעסן 'כסא דהרסנא' - סארנדינס"; מיט דעם אלעם פלעגט מוהרא"ש זיך מוסר נפש זיין צו צאלן שכר לימוד, ווייל אז מען וויל מצליח זיין מיט די קינדער מוז מען צאלן שכר לימוד.

ווער עס איז נזהר אין צאלן שכר לימוד וועט זוכה זיין צו האבן נחת פון זיינע קינדער, אויך איז דאס מסוגל פאר פרנסה. חכמינו זכרונו לברכה זאגן (ביצה טז.): "כָּל
~~~~~~~~~~

מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", ראש השנה שרייבט מען אן וויפיל געלט דער מענטש גייט האבן דעם גאנצן יאר, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לַתַּלְמוּד תּוֹרָה", חוץ די געלט וואס א מענטש געבט אויס ביים איינקויפן לכבוד שבת ויום טוב און די געלט וואס מען צאלט פאר שכר לימוד, "שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", אויב מען פארמינערט - מען צאלט נישט געהעריג, וועט מען אים געבן ווייניגער געלט און אויב צאלט מען שכר לימוד, פארמערט מען אים פון הימל פרנסה.

דערפאר דאנק איך דיר אז דו ביסט אזוי ערליך אין צאלן שכר לימוד, דו שלעפסט זיך אראפ יעדע מאל צו די שטאטישע אפיס כדי אז די וואוטשערס זאל נישט ווערן אפגעהאקט, אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין צו פרנסה בשפע און נחת פון דיינע קינדער.

אויב דו קענסט טו מיר ביטע די טובה: זאלסט מאכן אן התעוררות צווישן די תלמידים וואס שיקן שוין די קינדער אינעם מוסד אז זיי זאלן נעמען ערנסט דאס צאלן שכר לימוד, און אז זיי זענען נישט ביכולת וכו' זאלן זיי מאכן וואוטשערס אזוי ארום וועל איך קענען אנגיין מיט צאלן די מלמדים און טיטשערס. ווייל עס ווערט מיר נאר שווערער און שווערער אזוי ווייט אז איך שפיר ווי עס טרעט מיר צו צום הארץ; בעיקר אז עס זענען דא עלטערן וואס מאכן זיך נישט וויסנדיג ווען זיי האלטן בכלל נישט ביי די מצב פון עסן 'כסא דהרסנא' שבת בשעת איך האב נישט צו צאלן די מלמדים - טייערע יונגעלייט אויסדערוועלטע תלמידים וואס האבן סבלנות און יראת שמים, זיי זיצן א גאנצע וואך מיט א קלאס קינדער און קענען נישט אהיים ברענגען ברויט פאר די קינדער.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור.

...

~~~~~~~~~~~

**מען דארף חתונה מאכן די קינדער באצייטנס.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תרומה, ב' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

עס איז צייט צו גיין א טריט פאראויס מיט די שידוך פאר אייער טאכטער ... תחי', זי שרייבט מיר כסדר אז זי וויל שוין חתונה האבן. און זי איז שוין זייער דערוואקסן און רייף אנצוהייבן איר לעבן.

איך בעט אייך מרת ... תחי', זאגט נישט אז עס פעלט נאך נישט אויס איר צו מאכן א כלה ווייל זי איז וואויל און ערליך, 'מילא ווען זי וואלט געווען א פראבלעם וואלט
~~~~~~~~~~~

מען פארשטאנען ווי מען יאגט זיך אבער אז זי איז א וואוילע און ערליכע מיידל וואו יאגט מען זיך?׳ זאגט נישט אזוי, ווייל דער אמת איז פארקערט; דיקא ווייל זי איז וואויל, איידל און ערליך זאלט איר טון דעם רצון ה׳ און איר חתונה מאכן ווען זי איז נאך זויבער און ריין; עס איז נישט קיין פארגלייך ווען מען האט חתונה ריין וכו׳ צו ווען מען קוקט שוין און מען ווייסט שוין וכו׳. אזוי ווייט ווי דער הימל איז פון דער ערד, אזוי ווייט שטייגט איבער א כלה וואס האט חתונה ריין און זויבער ווי ווען מען האט שוין געזען וכו׳ רחמנא לצלן.

איך ווארט צו הערן פון אייך צי מען קען גיין ווייטער מיט די שידוך; איך האב עס אנגעטראגן פאר ..., זיי זאגן אז זיי זענען גרייט צו גיין ווייטער.

א גריס פון אייער זון ... נרו יאיר, ער איז זייער וואויל, ער לערנט און דאווענט; דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען נחת פון אים און פון אלע אייערע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**אנערקענען וואס מען באקומט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת תרומה, ב׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

געב איבער פאר דיין ווייב תחי׳ אז איך האב ערהאלטן איר לאנגע בריוו.

איך האב זיך זייער געפריידט צו ליינען דעם בריוו, אויך האב איך דאס געוויזן פאר מיין ווייב תחי׳.

בדרך כלל קומען נאר אן בריוון פון פראבלעמען וכו׳, דערפאר אז עס איז אנגעקומען א בריוו מיט אזויפיל דאנק און לויב אויף יעדע פרט פון ענקער לעבן; אנגעהויבן מיט ענקער שלום בית, אויף די חדר וואו מען האט אייך פשוט געראטעוועט אייערע אינגלעך און אויף די סקול וואו איר האט אזא נס אז אייער טאכטער איז אין א פלאץ וואו מען קוקט אויף איר ווי א געזונט קינד און איר זענט ניצול געווארן פון די בלוטיגע טערעפי הענט. נאכדעם וואס פאר איר האט אריינגעלייגט אייער טאכטער ביי אונז אין מוסד האט מען אייך געזאגט אז איר ביידע מיט אייער קינד - אלע דארפט איר גיין זיך היילן ביי טערעפי, און יעצט זענט איר געקומען צום גרעסטן דאקטער - דער הייליגער רבי - וואס האט געזאגט (סיפורי מעשיות, מעשה יג): ״און איך הייל זי״; און אזוי ווייטער די פילע דאנק ווערטער אויף יעדע איינצלהייט וואס איר האט דא באקומען,
~~~~~~~~~~

האב איך געוויזן דעם בריוו פאר מיין ווייב כדי זי זאל זען אז עס זענען נאך דא מענטשן וואס אנערקענען אונזער שווערע ארבעט.

אפילו די וואס ווייסן און אנערקענען וואס מען באקומט דא ווייסן אויך נישט אלעס וואס מען באקומט פון רבי'ן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: "אזוי ווי די וואס קריגן אויף מיר ווייסן נישט פון מיר, אזוי אויך די וואס זענען מקורב צו מיר ווייסן אויך נישט פון מיר וכו'"; אזוי אויך ווייסט קיינער נישט וואס מיר גייען אריבער טאג נאך טאג זייט מיר האבן געעפנט די ישיבה, חדר און מיידל סקול וכו' וכו'; דעריבער האבן מיר הנאה ווען מען אנערקענט וואס מען באקומט דא.

שטארק זיך ווייטער אין הפצה; אונזער גאנצע קאפ דארף שטענדיג לויפן מיט די מחשבה: 'וואס נאך קען איך טון אז נאך אידישע קינדער זאלן וויסן פונעם אייבערשטן?' קוק נישט אויף קיינעם, טראכט נאר פון דער וואס האט זיך פאר דיר מוסר נפש געווען און געגאנגען הפצה מיט מסירות נפש אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**דער שופט זאל רחמנות האבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תרומה, ב' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד דער געערטער ריכטער,**

איך שרייב צו אייך בנוגע מיין חשוב'ער תלמיד ... נרו יאיר.

ער האט געלערנט ביי מיר אין ישיבה 'תפארת התורה' במשך פינף יאר; ער איז געווען זייער א וואוילער תלמיד און ער איז אלץ געווען דער וואס האט געטון חסד מיט אלע תלמידים, ער האט א ווייכע הארץ פול מיט געפיל פאר א צווייטן.

אויך יעצט נאך זיין חתונה קען איך אים פאר א גוטער מענטש; איך האב שוין געהאט במשך די צען יאר פון ווען די ישיבה שטייט אסאך תלמידים, הונדערטער תלמידים האבן זיך דורכגעדרייט דא, מיט דעם אלעם איז ער פון די אויסגעצייכנסטע פון זיי אלע מיט זיינע מידות און גוט-הארציגקייט.

איך האב געזען זוממער אין קעמפ ווי שיין ער מיט זיין ווייב פירן זיך מיט זייערע קינדער; ער איז א געטרייער מענטש סיי צו זיין ווייב און אויך צו זיינע קינדער. אויך איז זיין ווייב א געטרייע מאמע פאר די קינדער און געטריי פאר אים, זיי לעבן זייער א שיינע איידעלע לעבן.
~~~~~~~~~~~

דערפאר בעט איך דעם שופט ער זאל רחמנות האבן אויף זיי און זיי צוריק געבן די רעכט צו מחנך זיין זייערע קינדער; זיי זאלן קענען האבן די קינדער ביי זיך אינדערהיים.

דער אייבערשטער זאל געבן פארן שופט הצלחה און ברכה אין אלע אייערע מעשים.

...

~~~~~~~~~~~

**מאכן שיינע ווארימע סעודות שבת; דורך מכבד זיין דעם שבת איז מען זוכה צו עשירות.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת תרומה, ג׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

זע צו מאכן מאכן א שיינע סעודה; זינג זמירות און דערצייל שיינע מעשיות פאר דיין ווייב און קינדער. די סעודות שבת זענען א יסוד אין אידישקייט און א יסוד אין חינוך.

גרייט דיר אן שיינע מעשיות צו דערציילן שבת ביי די סעודה; היינט איז דא אן א שיעור מעשה ביכלעך וואס האבן גוטע מעשיות צו דערציילן. אויך זאלסטו זינגען זמירות ביי די סעודה, וואס דער הייליגער רבי זאגט אז דאס איז אן עיקר אין יודישקייט; פאר דו מאכסט קידוש זינג שלום עליכם, עס נעמט נישט לאנג, עס נעמט אינגאנצן אפאר מינוט.

די מלאכים וואס באגלייטן דיר פון שול ווארטן צו זען וואס עס טוט זיך אין דיין שטוב, זאלסטו זיי ווייזן וואס מיינט אן ערליכע איד; אז אפילו מען איז הונגעריג, מיד און מען האט נישט קיין נערוון צו זינגען, דאך פירט מען זיך ווי אן ערליכער איד. ביי די סעודה זאלסטו שמועסן מיט דיין ווייב; פארצייל איר שיינע זאכן וואס דו האסט געהערט און א שיינע ווארט אויף די פרשה, נישט סתם פלעטשקענען פון דעם און יענעם לשון הרע און רכילות.

אז דו וועסט מכבד זיין דעם שבת וועסטו זוכה זיין צו עשירות; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אונז (שבת קיט.) אז ווען א מענטש איז מכבד דעם שבת ווערט ער געבענטש מיט עשירות, אזוי ווי רבי חייא בר אבא האט דערציילט: אמאל בין איך געווען אין די שטאט לודקיא און איך בין דארט איינגעשטאנען ביי איינעם, האב איך
~~~~~~~~~~~

געזען אז מען האט אים אריין געברענגט א גאלדענעם טיש, דער טיש איז געווען פון געמאכט פון אזויפיל גאלד אז זעכצן מענטשן האבן דאס געדארפט אויפהייבן; אינעם טיש זענען געווען זעכצן זילבערנע קייטלעך צוגעבינדן צו זיי טעלערס און גלעזער, אויפן טיש זענען געווען אלע געשמאקע עסן און טרינקען און שמעקעדיגע בשמים.

ווען מען האט אריין געברענגט דעם טיש האט מען געזינגען דעם קאפיטל תהילים (תהלים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וגו'" אלעס אויף די וועלט איז דעם אייבערשטנ'ס, נאכן עסן האבן זיי געזינגען דעם קאפיטל תהילים (תהלים קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", האב איך זיך זייער געוואונדערט - פארציילט רבי חייא בר אבא - "איך האב אים געפרעגט וואס פאר א גוטע זאך האסטו געטון אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן אזא רייכטום?" האט ער מיר געזאגט: "איך בין א קצב (בוטשער) און ווען איך זע א שיינע בהמה לייג איך דאס אוועק פאר מיר פאר שבת", האט אים רבי חייא געזאגט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", וואויל איז דיר אז דו האסט זוכה געווען צו דעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכְּךָ לְכָךְ", און געלויבט איז דער אייבערשטער אז ער האט דיר מזכה געווען מיט דעם.

זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש לעבט א גאנצע וואך מיט'ן שבת, ווען ער זעט א שיינע זאך טראכט ער: 'דאס וועל איך אוועק לייגן פאר שבת', איז ער זוכה צו א גרויסע עשירות.

א פריילעכן שבת.

איך שיק דיר אויך א בריוו פאר דיין ווייב תחי'.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן אין הפצה - קדש עצמך במותר לך.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת תרומה, ג' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט ווייטער פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון 'הפצה' - מזכה זיין נאך א איד צוריק צו קומען צום אייבערשטן.
~~~~~~~~~~~

היינט צו טאגס דארף מען עוסק זיין אין קירוב קרובים, ווייל וויסן זאלסטו אז נישט יעדער וואס גייט אנגעטון ווי א איד פירט זיך אידיש; א מענטש קען אויסקוקן פון אינדרויסן ווי א ווייס איך וואס אבער פון אינעווייניג איז ער אויסגעלאשן אינגאנצן, ער לייגט נישט תפילין און היט נישט קיין שבת - רחמנא לצלן. דערפאר איז א גרויסע זאך צו פארשפרייטן די עצות פונעם הייליגן רבי'ן וואס ווייזט פאר אלעמען דעם רחמנות פונעם אייבערשטן, ווי ער ווארט מען זאל זיך צוריק קערן צו אים.

ביים אייבערשטן איז זייער חשוב א מפיץ, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קום און זע, א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", איז זוכה ארויף צו גיין צו א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; ער נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט. דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין די דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.

דאס וואס דו פרעגסט אז מוהרא"ש האט געלערנט מען זאל אנטלויפן פון פרישות וכו', אבער וואס טוט מען מיט דאס וואס חכמינו הקדושים זאגן (ספרי דברים, פיסקא קא) אויפן פסוק (דברים יד, כא): 'כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה' - "קַדֵּשׁ אֶת עַצְמְךָ בַּמּוּתָּר לָךְ"; דאס איז אן אריכות דברים איך וועל דיר עס שרייבן בקיצור.

מיר לעבן היינט אין א דור פון הפקירות און פריצות - ערגער ווי ביים דור המבול, די גאס איז אויסגעלאסן מיט די עקלדיגסטע אויסגעלאסנסטע עבירות רחמנא לצלן. און אז דאס איז נאך נישט גענוג האט זיך דער יצר הרע געטראפן א וועג ווי ער קען מטמא זיין אידישע קינדער, עס איז מקוים געווארן וואס ירמיהו הנביא זאגט (ירמיהו ט, כ): "כִּי עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ, בָּא בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ", דער טויט איז אנגעקומען אין אונזערע שטובער; אפילו מען פארמאכט די טיר מען זאל נישט האבן קיין שייכות מיטן שונא איז ער אריין געקומען דורכ'ן פענסטער. דאס הייסט, מען קען זיצן אין שטוב מיט א קליינע איי-פאד,

מיט א סמארטפאון וכו׳ וכו׳ און אראפ פאלן אין די ערגסטע עבירות רחמנא לצלן, די איינציגסטע וועג ווי אזוי מען קען ווערן אפגעהיטן פון דעם איז אז מען זאל חתונה מאכן די קינדער יונגערהייט, ווייל אז מען האט חתונה איז מען אפגעהיטן פון עבירות.

ווען דער יצר הרע זעט ווי א בחור און א מיידל האבן חתונה האט ער זייער מורא, ער ווייסט אז ער גייט זיי פארלירן, וואס טוט ער? ער איז זיך מתלבש אין מצוות און רעדט איין דעם מענטש ער זאל זיין אפגעשיידט אין שטוב וכו׳, אזוי ווארפט ער אים אראפ אין שמוץ; דערפאר האט אונז מוהרא״ש אזויפיל אנגעזאגט מיר זאלן לעבן מיט הלכה און נישט צו לייגן קיין פרישות. מוהרא״ש פלעגט שטענדיג נאכזאגן וואס רבי אברהם בן רבי נחמן זכרונו לברכה פלעגט זאגן ווען מען פלעגט אים בעטן הדרכות של בינו לבינה וכו׳, פלעגט ער זאגן: ״קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת״; דאס הייסט מען זאל זיך אכטונג געבן אין הלכות טהרה, מען זאל חזר׳ן הלכות נדה צו וויסן נישט נכשל צו ווערן אין קיין שום הלכה, אבער ווען מען מעג, מעג מען אלעס וכו׳ און מען זאל זיך נישט מבלבל זיין פון קיין שום זאך אויף דער וועלט. קַדֵּשׁ אֶת עַצְמְךָ - בַּמּוּתָּר לָךְ״ איז פשט: זאלסט זיך הייליגן און זיך ״נישט״ אפשיידן, אזוי וועסטו זיין הייליג און נישט צו קומען צו ביטערע עבירות.

עס איז שווער צו שרייבן באריכות פון ׳דברים שהצניעות יפה להם׳; אויב דו שפירסט אז עס פעלט דיר אין דעם ענין וכו׳ וכו׳ קען איך דיר לערנען פריוואט און דיר ווייזן פון חז״ל ווי אזוי די תנאים און אמוראים האבן זיך געפירט אין שטוב וכו׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**גוטע קינדער ווענדט זיך אין די עלטערנ׳ס תפילות.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת תרומה, ג׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיין דעם שבת זייער פרייליך; איר האט אודאי געהערט וואס מיר האבן גערעדט מיטוואך נאכט ביים שיעור אז אלעס ווענדט זיך אין די פרוי, אז די ווייב איז פרייליך איז דער מאן פרייליך און אז די מאמע איז פרייליך זענען אלע קינדער פרייליך. דעריבער טראגט א אידישע מאמע א גרויסע אחריות צו
~~~~~~~~~~~

זיין פריילין ווייל אלע קוקן ארויס אויף די מאמע, בעט איך אייך איר זאלט זיך אנשטרענגען מיט אלע אייערע כוחות צו זיין פריילין.

בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן פאר אלעס וואס איר דארפט; דער עיקר זאלט איר בעטן אויף קינדער און אייניקלעך צדיקים. ווי מער איר וועט בעטן דעם אייבערשטן אויף ערליכע קינדער - אלץ מער נחת וועט איר האבן, ווייל גוטע קינדער וואקסן נישט אויף א בוים, גוטע קינדער קומען פון תפילות פון די עלטערן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט זיך דער הייליגער חפץ חיים אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און ארויסגענומען פון ספרים שאנק א אלטע תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "זעסט? דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

אז איר האט אביסל איבעריגע צייט זאלט איר זאגן דעם 'יום תהילים' ווייל אין תהילים ליגט אלע ישועות, אלע סגולות און אלע רפואות.

איר זאלט האבן א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

**זיי ווייטער מחזק די מלמדים**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תצוה, ט' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.**

איך דאנק דיר פארן זיין דער גוטער שליח פון הימל צו זיין דער שדכן פאר מיין זון שלמה נרו יאיר.

מיין הארץ איז פול מיט לויב צום אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער טוט מיט מיר שטענדיג, בפרט יעצט פאר אזא נס צו קענען א שידוך טון מיט א קינד ווען ער איז נאך יונג, ווערנדיג ממש יעצט זעכצן יאר, מיט א ערליכע וואוילע מיידל, א תלמידה פון 'בית פיגא', א טאכטער פון אונזער חשוב'ער חבר ר' יואל טייטלבוים נרו יאיר גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל שכונת עצי תמרים; א כלה פון א ווארימע ערליכע שטוב, איך בין אויסטערליש פריילין.
~~~~~~~~~~

איך האב געזאגט פארן מחותן נעכטן ביים לחיים אז מיר זענען פאסיגע מחותנים; מיר האט מען ארויסגעווארפן פון א מוסד פאר עלף יאר צוריק פאר'ן איינציגסטן חטא אז איך בין א ברסלב'ער און איך רעד צו די תלמידים פונעם אייבערשטן, און אים האט מען אויך ארויסגעווארפן מיט ביזי בזיונות פון א מוסד פאר'ן פארן קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה.

ביי מיר איז א כבוד זיך צו משדך זיין מיט א ברסלב'ער חסיד וואס מען האט פארשעמט פאר'ן פארן צום רבינ'ס ציון; וואונטש איך דיר אז דו זאלסט אויך זוכה זיין צו טון שידוכים יונגערהייט מיט דיינע קינדער.

שטארק דיר מיט דיין הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן די עצות און חיזוק פון רבי'ן פאר די גאנצער וועלט; אויך בעט איך דיר דו זאלסט ווייטער מחזק זיין די מלמדים, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ספרי נשא, פיסקא א): "אין מחזקין אלא למחזקין", די וואס זענען מחזק אנדערע די דארף מען מחזק זיין, ווייל זיי דארפן דאס מערסטע חיזוק; א מלמד דארף יעדן טאג באקומען אפאר ווערטער פונעם מנהל, עס איז נישט גענוג איין מאל א וואך. יעדן טאג דארף מען פרעגן יעדן מלמד: "וואס טוט זיך?" "וואס הערט זיך?" וואס מאכט דער קינד?" "וואס הערט זיך ביי דעם קינד?" דאס געבט זיי פרישע כוחות אנצוגיין מיט זייער הייליגע ארבעט.

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר'ן זיין שדכן; דער אייבערשטער זאל דיר צוריק צאלן נחת ביי דיינע קינדער.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**וואס טו איך אז מיין מאן איז א פארשלעפטער?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט וויל איך זיך באדאנקען פאר די טאג טעגליכע שיעורים, איך הער אויס אלע שיעורים און איך בין זיך זייער מחיה מיט זיי.

איך מיט מיין מאן קומען זיך זייער גוט אויס ב"ה, אבער מיין מאן האט א פראבלעם אז ער איז זייער א פארשלעפטער, און דאס שטערט מיר זייער שטארק. איך וויל נישט זיין ווי זיין מאמע און אים זאגן וואס צו טון, אבער פון די אנדערע זייט האב איך געהערט אמאל אין א שיעור אז אמאל מעג א פרוי יא זאגן פאר'ן מאן "גיי לערן".

ווי אזוי קען איך אים מעורר זיין זיך צו שטעלן אויף די פיס, אן דאס וואס איך זאל זיין ווי א פאליציי וואס שטייט אים אויפ'ן קאפ.

א גרויסן יישר כח פאר'ן נעמען די צייט צו ענטפערן שאלות, און איך וויל בעטן אז אויב מ'געבט ארויס דעם בריוו, זאל מען שרייבן נאר די ענטפער, נישט די שאלה, ווייל מיין מאן ליינט די פראגעס און איך וויל אים נישט ווייטון.

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת תרומה, כ״ט שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן פון אייך אז איר לעבט גוט מיט אייער מאן; וויסן זאלט איר אז עס איז נישט דא קיין חשוב׳ערע זאך ביים אייבערשטן ווי אז מאן און ווייב לעבן בשלום. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עוקצין ג, יב): ״לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם״, ביים אייבערשטן איז דער גרעסטער זאך - שלום; ווען מען לעבט בשלום איז מען זוכה צו אלע ברכות.

דאס וואס איר שרייבט אז איר זענט מער פלינק, אבער אייער מאן איז מער פארשלעפט און דאס שטערט אייך זייער וכו׳; בעט איך אייך זייער איר זאלט נישט מאכן פון דעם קיין עסק נאר לעבן מיט ליבשאפט און שלום.

מענטשן מיינען אז מען קען נאר זיין בשלום וועןביידע האבן די זעלבע מיינונגען און די זעלבע נאטורן, דער רבי זאגט אבער פארקערט, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן פ) אז שלום איז דוקא ווען מען שטעלט צוזאם צוויי פארקערטע נאטורן און מען לעבט אינאיינעם, אזוי ווי עס שטייט (איוב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דער אייבערשטער מאכט שלום אין הימל צווישן די מלאכים. זאגט דער רבי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", ווייל איין מלאך איז פייער און איין מלאך איז וואסער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", וואס דאס זענען צוויי פארקערטע זאכן, ווייל וואסער לעשט אויס פייער און פייער טרוקנט אויס וואסער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", און דער אייבערשטער מאכט שלום צווישן זיי און ער באהעפט זיי צוזאמען; זעט מען אז דאס איז דער עיקר שלום, מחבר צו זיין צוויי פארקערט זאכן, עיי"ש.

אזוי אויך זעט מען אז ביי איין פארפאלק איז דער מאן פייער, מער א שטערקערע נאטור און די ווייב וואסער - מער א ווייעכערע נאטור, ווידער ביים צווייטן איז פארקערט - זי איז פייער און ער איז וואסער; אבער שלימות איז ווען ביידע ווילן איין זאך: אויפשטעלן אן ערליכן שטוב, ערליכע אידישע דורות, קינדער און קינד'ס קינדער וואס וועלן דינען דעם הייליגן באשעפער.

אז איר וועט רעדן מיט אים און זיך אויסשמועסן מיט אים וואס עס שטערט אייך וועט עס נאר העלפן, דאס מיינט נישט אז מען ווערט ווי א מאמע אדער א פאליס לעדי, נאר פשוט זיך דורך רעדן וואס דאס וועט נאר מאכן בעסער; זאלט איר מיט אים שמועסן און אים אויפמערקזאם מאכן אויף די זאכן וואס באדערן אייך - אבער נאר מיט ליבשאפט און שלום.

זייט'ס נישט ברוגז אז איך לייג די שאלה פאר'ן רבים, ווייל אזוי ווי איר זענט נישט די איינציגסטע מיט דעם פראבלעם וועלן נאך אידן האבן פון דעם התחזקות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**מעג א פרוי זיין נישט צניעות'דיג אינדערהיים?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

איך בין א פרוי פון ארץ ישראל, איך געהער צו א חשובע בארימטע קהלה וואו מ'לייגט פיל כוחות און התחזקות אויף צניעות פון פרויען, און מ'זעט ב"ה שיינע פירות.

לעצטנס האב איך אבער פארשטאנען פון די שיעורים אז אינדערהיים דארף א פרוי זיך יא אהערשטעלן פאר'ן מאן, איז די שאלה אויב א פרוי מעג טאקע זיך אנטון נישט צניעות'דיג אינדערהיים, אין די צייט ווען ס'איז דא קלענערע קינדער אין שטוב, און וואס איז ווען ס'איז שוין דא גרויסע בחורים און מיידלעך, זיי הייבן אויף פארוואונדערטע אויגן אז די מאמע טוט זיך אזוי אן, אין קעגנזאץ פון ווי אזוי א אידישע פרוי דארף אויסזען.

איך האף איר וועט מיר געבן א קלארע תשובה, ווייל איך מוטשע זיך שוין מיט די זאך פאר א שטיק צייט.

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תרומה, א׳ דר״ח אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי׳.**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

**איך ווייס נישט וואס איר האט געהערט, מן הסתם האט איר נישט גוט פארשטאנען.**

**וויסן זאלט איר אז צניעות איז נישט נאר אין גאס, צניעות איז סיי אין גאס און סיי אין שטוב, און א פרוי וואס געבט אכטונג אויף צניעות וועט זוכה זיין צו הייליגע קינדער, אזוי ווי דער רבי זאגט** (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): **״צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; דעריבער פארשטיי איך נישט פארוואס איר זאלט אראפנעמען אייער צניעות אין שטוב, בפרט ווען איר האט א שטוב מיט בחורים און גרויסע מיידלעך און איר דארפט זיין א ביישפיל זיי צו ווייזן דאס שיינקייט פון צניעות.**

**אז איר ווילט זיין א געטרייע פרוי פאר אייער מאן זאלט איר אים פרייליך מאכן און אים צופרידן שטעלן וכו׳, איר זאלט שטענדיג זיין גרייט פאר אים וכו׳. חכמינו זכרונם לברכה זאגן** (עיין עירובין ק:) **אז א פרוי וואס איז אלעמאל גרייט פאר איר מאן וועט האבן אזעלעכע וואוילע קינדער וואס זענען אפילו נישט געווען אין די צייטן פון משה רבינו; מען קען זיך נישט פארשטעלן די שכר פון א פרוי וואס איז אלעמאל גרייט פאר׳ן מאן.**

נאך זאגן חז״ל (ברכות יז.) אז דער אייבערשטער געבט א גרעסערע שכר פאר פרויען ווי פאר מענער, ווייל די פרויען ווארטן אפ די מענער און ראטעווען זיי פון עבירות.

דעריבער בעט איך אייך איר זאלט ווייטער זיין שטארק מיט אייער צניעות, אויך זאלט איר שטענדיג גיין אנגעטון שיין און צוזאמגענומען, דורכדעם וועט איר האבן חן אין אייער מאן׳ס אויגן און זוכה זיין צו לעבן באהבה.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...